# סדר
# אקדמות

## עם עברי טייטש
כפי נוסח המקובל

✵✵✵

לונדון יצ"ו
תשע"ג לפ"ק

בס"ד

# דברים אחדים

הפירוש עברי טייטש הזה, מבוסס על פירוש הטייטש היקר והמדויק מאת המלמד הישיש יר"א הר"ר אליעזר קנאפפלער ז"ל ממאנסי יצ"ו שהגיע לנו ע"י מנהל הת"ת תולדות יעקב יוסף דפה, ועל פירוש הטייטש שי"ל ע"י ת"ת בית אהרן דפה לונדון יצ"ו, אשר שניהם יסודתם בהררי קודש, וכפי נוסח המקובל מדור דור. ובהשוואה לספר משיבת נפש, באר יהודה, והכי גרסינן.

זכות השיר המקודש שבו אנו מקבלים פני התורה הקדושה ביום מתן תורתנו בכל שנה ושנה, וזכות אלפי רבבות בלעה"ר תינוקות של בית רבן הע"י הבל פה שאין בו חטא, המקדימים לשיר את השירה הזאת מפרוס העצרת בחדריהם עם מלמדיהם, ועל ידה נמסר להם האמונה מדור לדור, יעורר עלינו רחמים במרומים להוושע במהרה תשועת עולמים לקבל פני משיח צדקנו בנערינו ובזקננו, ולומר יחד שברנא ליה בשבין תקוף הימנותא במהרה בימינו אמן.

פה המקום להזכיר יקירֵי מלמדי נערי בני ישראל באמונה, שהשרישו אמונה ותורה ויראת ה' בלב התלמידים לדורות, הרה"ח מלא תורה וענוה ר' מרדכי חנה בהר"ר אברהם ע"ה בערגער של"ח ג' שבט תשס"ח. ומשנהו הרה"ח המורם ר' ישכר דוב בהר"ר אלעזר שאול ע"ה (ר' בערטשי) לעמבערגער של"ח י"ד תמוז תשס"ז, שבשנה האחרונה לחייו בא במס"נ בשארית כוחותיו ללמד לתלמידיו את ה"אקדמות".

לע"נ אאמו"ר הכ"מ הרה"ג ר' ירחמיאל ישראל יצחק בהר"ר יעקב שכנא ז"ל אשר היתה נפשו קשורה בשירה הזאת, וכל ימיו הכריז והבהיר האמונה טהורה ומצפה בכל לב לישועתן של ישראל להדברים שנאמרו באקדמות.

**ת.נ.צ.ב.ה**

לונדון אייר תשע"ג לפ"ק

המוציאים לאור: יעקב דוד דאמב חיים שלמה זלמן בלייער

הוצאת "חשב במזל" 8809–7355

**לעילוי נשמת**

הרה"ח ר' **שרגא פייוויל**

בהר"ר **יהודה אריה** ע"ה

דזיאלאווסקי

**ערב חג השבועות**

ה' סיון תשס"ז לפ"ק

**ת.נ.צ.ב.ה.**

## הקדמה ונטילת רשות

| | |
|---|---|
| אַקְדָּמוּת מִלִּין | איידער איך הייב אהן צו רעדן |
| וְשָׂרָיוּת שׁוּתָא | און איך באגער צו שפּרעכען |
| אַוְלָא שָׁקִילְנָא | צום ערשט וועל איך נעמען |
| הַרְמָן וּרְשׁוּתָא | ערלויבעניש און רשות פונעם אויבירשטען. |

| | |
|---|---|
| בְּבָבֵי | מיט רייד |
| תְּרֵי וּתְלָת | צוויי אדער דריי |
| דְּאֶפְתַּח | וואס איך וועל אהנהייבען |
| בְּנַקְשׁוּתָא | מיט א קלאפּעניש |
| בְּבָרֵי | מיט רשות |
| דְּבָרֵי | פון דעם וואס האט באשאפן די וועלט |
| וְטָרֵי | און ער טראגט די וועלט |
| עֲדֵי לְקַשְׁשׁוּתָא | ביז צו איהר עלטער. |

## שבח הבורא וגבורותיו

| | |
|---|---|
| גְּבוּרָן עָלְמִין | א אייביגע שטארקייט |
| לֵיהּ | איז צו איהם |
| וְלָא סִפֵּק | און עס איז נישט מעגליך |
| פְּרִישׁוּתָא | דאס צו באשיידען |
| גְּוִיל | ווען פּאַרמעט |
| אִילוּ רְקִיעֵי | וואלטען געווען די הימלען |
| קְנֵי | שרייב פעדערען |
| כָּל חוּרְשָׁתָא | אלע וועלדער. |

| | |
|---|---|
| דְ֗יו אִילוּ יַמֵי | ווען טינט וואלטען געוועהן אלע ימים |
| וְכָל מֵי כְּנִישׁוּתָא | און אלע איינגיזאמעלטע וואסערן |
| דַיְירֵא אַרְעָא סַפְרֵי | די איינוואוינער׳ס פון די ערד וואלטען געוועהן שרייבער׳ס |
| וְרַשְׁמֵי רַשְׁוָתָא | און צייכענונג צייכענער׳ס. |

וואלט אויך נישט געוועהן מעגליך צו באשרייבען

| | |
|---|---|
| הֲ֗דַר מָרֵי שְׁמַיָּא | די שיינקייט פון דעם הער אין הימעל |
| וְשַׁלִּיט בְּיַבֶּשְׁתָּא | און ער געוועלטיגט אויף די טרוקעניש |
| הָקֵם עָלְמָא יְחִידָאֵי | ער האט אויף געשטעלט די וועלט אליין |
| וְכַבְּשֵׁהּ בְּכַבְּשׁוּתָא | און ער האט עס פארהוילען מיט א פארהוילעניש. |

(קיינער ווייסט נישט אויף וואס די וועלט שטייט)

| | |
|---|---|
| וּבְלָא לֵאוּ שַׁכְלְלֵהּ | און אהן מידיקייט האט ער איהם געגרונד-פעסטיגט |
| וּבְלָא תְשָׁשׁוּתָא | און אהן שוואכקייט |
| וּבְאָתָא קַלִּילָא | און מיט דעם גרינגען אות, דאס מיינט דער אות "ה" |
| דְלֵית בַּהּ מְשָׁשׁוּתָא | וואס עס איז נישטא אין איהר א אהָנטאפּונג. |

| | |
|---|---|
| זַמִּין כָּל עֲבִידְתֵּהּ | ער האט אהָנגעגרייט זיין גאנצע ארבעט |
| בְּהַךְ יוֹמֵי שִׁתָּא | אין די זעקס טעג פון דער וואך |
| זֵהוֹר יְקָרֵהּ עֲלִי | די לויטערקייט פון זיין כבוד איז ארויף פרייטיג צו נאכטס |
| עֲלֵי כָרְסֵא דְאֶשָּׁתָא | אויף זיין פייערדיגן שטיהל. |

אשר שבת מכל המעשים ביום השביעי נתעלה וישב על כסא כבודו

## מעלת המלאכים

| | |
|---|---|
| חֲ֗יָל אֶלֶף אַלְפִּין | מיליטער פון טויזענט טויזענטער מלאכים |
| וְרִבּוֹא לְשַׁמָּשׁוּתָא | און צעהן טויזענטער זענען גרייט איהם צו באדינען |

חַדְתִּין נְבוֹט לְצַפְרִין — נייע מלאכים ווערן באשאפן יעדן פרי מארגן

סַגִּיאָה טְרָשׁוּתָא — עס איז גרויס די אמונה אינעם אויבירשטען.

[י"מ עס איז גרויס די וואָרהייט פונעם אויבירשטען וברש"י איכה ג' חדשים לבקרים רבה אמונתך, אי' ב' הפירושים]

טְפֵי יְקִידִין שְׂרָפִין — נאך מער [חשוב] זענען די ברענענדיגע מלאכים

כְּלוּל גַּפֵּי שִׁתָּא — וואס יעדער איינער האט זעקס פליגעל

מיט צוויי דעקן זיי צו דעם פנים נישט צו קוקן אויף די שכינה, מיט צוויי דעקן זיי צו די פוס נישט צו דערמאנען דעם חטא העגל, און מיט צוויי פליגל פליען זיי.

טְעֵם — א ערלויבעניש, [צו זאגן שירה]

עַד יִתְיְהֵב לְהוֹן — ביז עס ווערט געגעבען צו זיי

שְׁתִיקִין בְּאַדִּשְׁתָּא — שווייגען זיי מיט א שטיל–שווייגעניש.

יְקַבְּלוּן דֵּין מִן דֵּין — זיי נעמען רשות איין מלאך פון אנדערן

שָׁוֵי דְּלָא בְשַׁשְׁתָּא — גלייך אהן א פארזוימונג, – צו לויבן

יְקַר — דער כבוד פונעם אויבירשטען

מְלֵי כָל אַרְעָא — איז פול די גאנצע וועלט

לִתְלוּתֵי קְדֻשְׁתָּא — מיט דריי מאָהל קדוש.

ק' ק' ק' י"צ מלא כל הארץ כבודו

כְּקָל מִן קֳדָם שַׁדַּי — אזוי ווי דער קול פון פארן אלמעכטיגען ג–ט

כְּקָל מֵי נְפִישׁוּתָא — אזוי הויעך ווי דאס קול פון די פיהל וואסערן

כְּרוּבִין — טוהן די מלאכים וואס הייסן כרובין

קֳבֵל גַּלְגַּלִּין — א קעגן די מלאכים וואס הייסן גלגלין

מְרוֹמְמִין בְּאַוְשָׁתָא — לויבן זיי מיט א געשריי.

(יחזקאל א' כ"ד ואשמע את קול כנפיהם קול מים רבים כקל ש–ד–י בלכתם וגו')

לְמֶחֱזֵי בְּאַנְפָּא עֵין — אזוי ווי צו זעהן מיט א אויגן בליק

כְּוַת גִּירֵי קַשְׁתָּא — אזוי שנעל ווי א פייל פון א בויגן

לְכָל אֲתַר דְּמִשְׁתַּלְּחִין — צו יעדן ארט ווי זיי ווערן געשיקט

זְרִיזִין בְּאַשְׁוָתָא — איילן זיי זיך מיט א איילעניש.

| | |
|---|---|
| מְבָרְכִין · | זיי לויבען –און זאגן– |
| בְּרִיךְ יְקָרֵהּ | געלויבט איז זיין כבוד |
| בְּכָל לְשׁוֹן לְחִישׁוּתָא | מיט א יעדע שפראך פון רעדן |
| מֵאֲתַר בֵּית שְׁכִינְתֵּהּ | פונעם רוהונג אָרט פון זיין שכינה |
| דְּלָא צָרִיךְ בְּחִישׁוּתָא | וואס מען דארף עס נישט זוכן. |
| | ברוך כבוד ה׳ ממקומו |
| נְהִים | דאס ברומען |
| כָּל חֵיל מְרוֹמָא | פונעם גאנצען מיליטער פון הימעל |
| מְקַלְּסִין בַּחֲשַׁשְׁתָּא | וואס זיי לויבען מיט פָּארכט |
| נְהִירָא מַלְכוּתֵהּ | דאס גֶעדענקעניש פון זיין קעניגרייך |
| | [י״מ די ליכטיגקייט] |
| לְדָר וְדָר לְאַפְרַשְׁתָּא | צו יעדן דור צו באשיידן. אויף אייביג |
| | ימלוך ה׳ לעולם א׳ ציון לדור ודור |
| סְדִירָא בְּהוֹן | עס איז איינגיטיילט אין זיי, |
| קְדֻשְׁתָּא | א צייט ווען צו זאגן דעם אויבירשטענ׳ס הייליגקייט [צו זאגן קדושה] |
| וְכַד חָלְפָא שַׁעֲתָא | און ווען די צייט גייט אריבער |
| סִיּוּמָא דִלְעָלַם | איז עס געענדיגט אויף אייביג - און קיינמאל מער |
| וְאַף לָא לִשְׁבוּעֲתָא | און אויך נישט נאך א שמיטה יאהר. |

## <u>שבח ישראל עם קדושו וחביבותם ודביקותם בהקב״ה</u>

| | |
|---|---|
| עֲדַב | דער גורל |
| יְקַר אַחֲסַנְתֵּהּ | זיין טייערע ארבטייל [ד.מ. די אידן] |
| חֲבִיבִין | זענען מער געליעבט, ווי די מלאכים |
| דְּבִקְבַעְתָּא | ווייל שטענדיג |
| עֲבִידִין לֵהּ חֲטִיבָא | מאכן זיי איהם א ״איינציגער״ |
| בִּדְנַח | אינדערפרי ווען די זון שיינט אויף |
| וּשְׁקַעְתָּא | און ביינאכט ווען די זון גייט אונטער. |
| | [שמיחדים שמו בבוקר ובערב שאומרים קריאת שמע] |

| | |
|---|---|
| פְּרִישָׁן לְמָנָתֵהּ | זיי זענען אָפּגעשיידט פאר זיין טייל |
| לְמֶעְבַּד לֵהּ רְעוּתָא | צו טוהן פאר איהם זיין ווילן |
| פְּרִישׁוּתֵהּ | זיין אָפּגעשיידקייט |
| שְׁבָחֵהּ | און זיין לויב |
| יְחַוּוּן בְּשָׁעוּתָא | זאגן זיי אין אלע צייטען. |
| | |
| צְבִי וְחָמִיד וְרָגִיג | ער האט געוואלט און געגלוסט און באגערט |
| דִּילְאוּן בְּלָעוּתָא | אז זיי זאלן זיך פּלאָגן אין די מאטערניש פון די תורה |
| צְלוֹתְהוֹן | זייער דאוונען |
| בְּכֵן מְקַבֵּל | וועגן דעם נעמט ער אהן |
| וְהַנְיָא בָעוּתָא | און העלפט זייער גיבעהט. |
| | |
| קְטִירָא | עס איז אהנגעקניפּט, די תפילות פון די אידן |
| לְחֵי עָלְמָא | צום אויבירשטען וואס לעבט אייביג |
| בְּתָגָא | אין דעם קרוין |
| בִּשְׁבוּעֲתָא | מיט א שבועה [שמלאך משביע התפילות שיעלו לכתר הקב״ה] |
| קֲבֵל יְקַר טוֹטֶפְתָּא | אנטקעגן די טייערקייט פון די תפילין |
| יְתִיבָא | איז זי איינגיזעצט |
| בִּקְבִיעוּתָא | אויף שטענדיג. |

שכביכול הכתר היא כנגד התפילין דמרי עלמא, ועכשיו אומר מה שכתוב בהתפילין דמרי עלמא

| | |
|---|---|
| רְשִׁימָא הִיא גוּפָא | עס איז אהנגעצייכענט אין די תפילין אליין [פונעם אויבירשטען] |
| בְּחָכְמְתָא וּבְדַעְתָּא | מיט קלוגשאפט און מיט וויסענשאפט |
| רְבוּתְהוֹן דְּיִשְׂרָאֵל | די גרויסקייט פון די אידן |
| קְרָאֵי בִּשְׁמַעְתָּא | וואס לייענען קריאת שמע. |

כמשאחז״ל (ברכות דף ו.) הני תפילין דמרי עלמא מה כתיב בהו א״ל **ומי כעמך ישראל גוי אחד בארץ** וכו׳ אמר להם הקב״ה לישראל אתם עשיתוני חטיבה אחת בעולם שנאמר **שמע ישראל ה׳ אלהינו ה׳ אחד** ואני אעשה אתכם חטיבה אחת בעולם שנאמר **ומי כעמך ישראל גוי אחד בארץ**

## <u>יפה להם לישראל להגיד לכל מלכי אומה״ע שבחו של הקב״ה</u>

| | |
|---|---|
| שְׁבַח רִבּוֹן עָלְמָא | די לויב פון דעם האַר פון די וועלט |
| אֲמִירָא דַכְוָתָא | א ריינע זאגעניש |
| שְׁפַר | עס איז שיין |
| עֲלֵהּ לְחַוּוָיֵהּ | אויף איהם צו פארציילען |
| בְּאַפֵּי מַלְכְוָתָא | פאר אלע קעניגן פון די וועלט. |
| | **– דיא גוים קומען טענה׳ן –** |
| תָּאִין | די אלע פעלקער פון די וועלט קומען |
| וּמִתְכַּנְשִׁין | און זיי טוהן זיך איינזאמלען, מיט א גערויש |
| כְּחֵיזוּ אַדְוָתָא | אזוי ווי דאס אויסזעהן פון די כוואלן פון ים |
| תְּמֵהִין | זיי וואונדערן זיך |
| וְשַׁיְלִין לֵהּ | און זיי פרעגן איהם, [ד.מ. די אידן] |
| בְּעֵסֶק אַתְוָתָא | וועגן די צייכענס וואס אידן זענען אהנגעצייכענט. (וואס ווייזט די שטארקע ליבשאפט צום אויבירשטען) |

כמ״ש במדרש רבה (שהש״ר פ״ד) ישראל מצוינים **בתגלחת מילה ציצית**. וי״ל אות **תפילין**. [וי״מ וועגן די **אותות ומופתים** פון די גאולה לעתיד לבא].

| | |
|---|---|
| מְנָן וּמָאן הוּא רְחִימָךְ | פון ווי, און ווער, איז דיין געליבטער פריינד |
| שַׁפִּירָא בְּרֵיוָתָא | דו [אידישע פאלק], וואס ביסט שיין אין אויסזעהן |
| אֲרוּם בְּגִינֵהּ | וואס וועגן איהם |
| סָפִית | ווערסטו געשלאגען |
| מְדוֹר אַרְיָוָתָא | פון די וואוינונגען פון די לייבען. [ד.מ. די פעלקער]. |
| יְקָרָא וְיָאָה אַתְּ | טייער און שיין ועסטו זיין |
| אִין תַּעַרְבִי לְמַרְוָתָא | אויב דו וועסט זיך אויסמישן מיט אונזער הערשאפט |
| רְעוּתֵךְ נַעֲבִיד לִיךְ | דיין ווילן וועלן מיר טוהן פאר דיר |
| בְּכָל אַתְרְוָתָא | אין אלע ערטער. |

**ענטפערן דיא אידן:**

| | |
|---|---|
| בְּחָכְמְתָא | מיט קלוגשאפט |
| מְתִיבָתָא לְהוֹן | ענטפערט זי צו זיי |
| קְצַת לְהוֹדָעוּתָא | א ביסעל זיי צו מאכן וויסן |
| יְדַעְתּוּן | ווען איהר וואלט געוואוסט |
| חַכִּמִין לֵהּ | און איהר וואלט אייך געקלוגט וועגן איהם |
| בְּאִשְׁתְּמוֹדָעוּתָא | מיט וויסענשאפט. |

**– וואלט איהר פארשטאנן –**

| | |
|---|---|
| רְבוּתְכוֹן | אייער גרויסקייט, וואס איהר ווילט אונז געבן |
| מָה חֲשִׁיבָא | וואס איז דאס דען ווערד |
| קֳבֵל הַהִיא שְׁבַחְתָּא | אנטקעגן דער לויב |
| רְבוּתָא דְיַעְבֵד לִי | די גרויסקייט וואס ער וועט טוהן צו מיר |
| כַּד מַטְיָא שַׁעְתָּא | ווען עס וועט קומען די צייט, פון די גאולה. |

| | |
|---|---|
| בְּמֵיתֵי לִי נְהוֹרָא | ווען ער וועט ברענגען צו מיר א ליכטיגקייט |
| וְתַחֲפֵי לְכוֹן בַּהֲתָא | און עס וועט אייך באדעקן א פארשעמונג (בושה) |
| | [וי"מ א פינסטערניש] |
| יְקָרֵהּ | זיין כבוד |
| כַּד אִתְגְּלֵי | ווען עס וועט באוויזן ווערן (אנטפלעקט ווערן) |
| בְּתוּקְפָּא וּבִגְבוּרְתָּא | מיט פעסטקייט און מיט שטארקייט. |

| | |
|---|---|
| יְשַׁלֵּם גְּמוּלַיָּא | ער וועט באצאהלען א צוריק-באצאהלונג - א שטראף |
| לְסַנְאֵי | צו די פיינד – פון די אידן |
| וְנַגְוָתָא | און צו אלע ווייטע אינזלען, -ווי עס וואוינען די פעלקער |
| צִדְקָתָא | דאס גירעכטיקייט, -וועט ער טוהן- |
| לְעַם חֲבִיב | צו דעם געליעבטען פאלק |
| וְסַגְיָא זַכְוָתָא | וואס זיי האבן אסאך זכותים. |

## גדולתן ומעלתן של ישראל לעתיד לבוא

| | |
|---|---|
| חֲדוּ שְׁלֵימָא | א גאנצע פרייד וועט זיין |
| בְּמֵיתֵי | ווען ער וועט קומען |
| וּמָנָא דַכְוָתָא | און מיט ריינע כלים, (י"מ כלי המקדש נגנזו כמש"כ מזבח ישיב וכלי שרת כולם) וי"ל עדה"כ (ישעי' נ"ב י"א) הִבָּרוּ נשאי כלי ה' עיי"ש ברש"י וברד"ק. |
| קִרְיְתָא דִירוּשְׁלֵם | צו די שטאט ירושלים |
| כַּד יְכַנֵּשׁ גַּלְוָתָא | ווען ער וועט איינזאמלען אלע אידן פון גלות. |
| יְקָרֵהּ | זיין כבוד |
| מָטֵיל עֲלֵהּ | וועט שיצן אויף איהם, ירושלים |
| בְּיוֹמֵי וְלֵילְוָתָא | בייטאג און ביינאכט |
| גְּנוּנֵהּ | זיין חופה |
| לְמֶעְבַּד בָּהּ | צו מאכן אין איהר, אין ירושלים |
| בְּתוּשְׁבְּחָן | מיט א לויב |
| כְּלִילָתָא | מיט א קרוינונג. |

שעתיד הקב"ה לעשות חופה לצדיקים מענני הכבוד

| | |
|---|---|
| דְּזֵיהוֹר עֲנָנַיָּא | די לויטערקייט פון די וואלקענס |
| לְמִשְׁפַּר כִּילָתָא | צו באשיינען די חופה |
| לְפֻמֵּהּ דַּעֲבִידְתָּא | לויט יעדען'ס מעשים פון די מצוות |
| עֲבִידָן מְטַלַּלְתָּא | וועט געמאכט ווערין די חופה. |

היינו שהחופה לא תהי' לכל אחד בשוה, אלא לכל צדיק וצדיק לפי מעשיו הטובים בעולם הזה.

| | |
|---|---|
| בְּתַכְתַּקֵּי דְהַב פִּיזָא | אויף שטוהלן פון גינגאלד |
| וּשְׁבַע מַעֲלָתָא | און זיבן טרעפ, צו יעדע שטוהל [וי"מ זיבן מדרגות] |
| תְּחִימִין צַדִּיקֵי | גרעניצען פאר די צדיקים וועט זיין געשטעלט |
| קֳדָם רַב פָּעֳלָתָא | פאר'ן באשעפער, וואס זיינע ווערק זענען גרויס. |

| | |
|---|---|
| וְרֵיוֵיהוֹן דָּמֵי | און זייער אויסזעהן וועט זיין גלייך |
| לְשָׁבְעָא חֶדְוָתָא | צו א זאטקייט פון פרייד |
| רְקִיעָא בְּזֵיהוֹרֵהּ | אזוי ווי די הימעל  אין זיין לויטערקייט |
| וְכוֹכְבֵי זִיוָתָא | און אזוי ווי די שטערן וואס לייכטען. |

| | |
|---|---|
| הֲדָרָא | א שיינקייט |
| דְלָא אֶפְשַׁר | וואס עס איז נישט מעגליך |
| לְמִפְרַט בְּשִׂפְוָתָא | ארויס צו זאגן מיט די ליפֶּן |
| וְלָא אִשְׁתְּמַע | און עס איז נישט געהערט געווארן |
| וְחָמֵי | און געזעהן געווארן |
| נְבִיאָן חֶזְוָתָא | פאר די נביאים די זעהער׳ס |

כדאי׳  בגמרא (שבת סג.) שהשכר של הצדיקים לעתיד לבוא לא נתגלה אפילו להנביאים כדכתיב ״עין לא ראתה, אלקים זולתך״.

| | |
|---|---|
| בְּלָא שָׁלְטָא בֵה עֵין | וואס עס האט נישט געוועלטיגט אין דעם קיין אויג |
| בְּגוֹ עֵדֶן גִּנְּתָא | אין דעם גן–עדן |
| מְטַיְלֵי בֵהּ חִנְגָּא | זיי וועלן דארטן שפאצירן מיט טענץ |
| לְבַהֲדֵי דִשְׁכִינְתָּא | אינאיינעם מיט די שכינה. |

ע״ש שאחז״ל (תענית לא.) עתיד הקב״ה לעשות מחול לצדיקים וכל אחד ואחד מראה באצבעו וכו׳ , וע״ש מאמרם ז״ל (המובא ברש״י בחקותי) ״והתהלכתי בתוככם״ אטייל עמכם בגן עדן, יכול לא תיראו ממנו ת״ל והייתם לכם לאלקים ואתם תהיו לי לעם

| | |
|---|---|
| עֲלֵהּ | אויף איהם, אויף דעם אויבירשטען |
| רַמְזֵי | וועלן זיי אָנווייזן |
| דֵּין הוּא | דאס איז ״ער״ [ער איז דער דָאזיגער] |
| בְּרַם בְּאֶמְתָנוּתָא | אבער, מיט פּאָרכט מיט מורא. |

שַׁבַּרְנָא לֵיהּ בְּשִׁבְיָן — מיר האבן געהאפט צו איהם אין געפענגעניש (אינעם גלות)
תְּקוֹף הֵימָנוּתָא — מיט א שטארקע אמונה.

יַדְבַּר לָן — ער וועט אונז פיהרען
עָלְמִין — שטענדיג אויף אייביג
עֲלֵמִין מְדַמּוּתָא — גלייך צו דיא יונגע, מיט טענץ
[מד״ר ויקרא י״א ט׳ עה״פ הוא ינהגנו עלמות, בשני עולמות, ובזריזות].

מְנָת דִּילָן — אונזער טייל
דְּמִלְּקַדְמִין — וואס נאך פון די פריערדיגע צייטען פון ששת ימי בראשית
פְּרֵשׁ בַּאֲרָמוּתָא — האט ער אפגעשיידט, מיט א אָפּשיידונג.
[וי״מ מיט א אויפהייבונג]
שהקב״ה הזמין מששת ימי בראשית שור הבר ולויתן ויין המשומר בענביו, לצדיקים לעתיד לבוא.
כדאי׳ ברכות לד: ובב״ב ע״ד: ובאוהח״ק בחוקותי כ״ו סוף פסוק י״א ואומרו ואכלתם ישן נושן.

## <u>בשבח הסעודה שיעשה הקב״ה לצדיקים לעתיד לבוא</u>

טְלוּלָא דְּלִוְיָתָן — די פרייד וואס וועט זיין מיט דעם ״לויתן״ פיש
וְתוֹר — און מיט דעם אקס
טוּר רָמוּתָא — וואס געפונט זיך אויף די הויכע בערג
וְחַד בְּחַד — און איינער מיטן אנדערן
כִּי סָבִיךְ — ווען זיי וועלין זיך ראנגלען
וְעָבִיד קְרָבוּתָא — און מאכן א מלחמה.

בְּקַרְנוֹהִי מְנַגַּח — מיט זיינע הערנער וועט ער (שור הבר) שטויסן דעם לויתן,
בְּהֵמוֹת בְּרַבְרְבוּתָא — ער, דער שוֹר הבר, וואס איז דער גרעסטער פון די בהמות
[כמ״ש רש״י תהלים נ׳ על הפסוק בהמות בהררי אלף]

| | |
|---|---|
| יְקַרְטַע נוּן לְקִבְלֵהּ | דער לויתן פיש וועט שפרונגען א קעגן איהם |
| בְּצִיצוֹי | מיט זיינע פלוס–פעדערן [בסנפיריו] |
| בִּגְבוּרְתָּא | מיט שטארקייט. |
| | |
| מְקָרֵב לֵהּ בָּרְיֵהּ | וועט זיך דערנענטערן צו איהם [לויתן] זיין באשעפער |
| בְּחַרְבֵּהּ בְּרַבְרְבוּתָא | מיט זיין גרויסע שווערד |
| אֲרִיסְטוֹן | א סעודה, פון דער שור הבר ולויתן, [כדאי׳ בב״ב עה. ובמהרש״א שם] |
| לְצַדִּיקֵי | פאר די צדיקים |
| יְתַקֵּן | וועט ער אהנגרייטען |
| וְשֵׁרוּתָא | און א מיטאג מאלצייט. |
| | |
| מְסַחֲרִין | זיי די צדיקים וועלן ארום זיצן |
| עֲלֵי תַכֵּי | ביי טישן |
| דְכַדְכּוֹד וְגוּמַרְתָּא | געמאכט פון איידל שטיינער און גארפינקל |
| נְגִידִין קָמֵיהוֹן | עס וועלן זיך ציהען פאר זיי |
| אֲפַרְסְמוֹן נַהֲרָתָא | טייכען פון באלזאם אויל. |
| | |
| וּמִתְפַּנְּקִין | און זיי וועלן האבען פארגעניגען |
| וְרָוֵי | און זיי וועלן זיך אהנזעטיגן |
| בְּכַסֵּי רְוָיָתָא | מיט די בעכערס וואס טוהן אהנזעטיגן - וואס אין זיי וועט זיין - |
| חֲמַר מְרַת דְּמִבְּרֵאשִׁית | זיסע וויין וואס איז נאך פון "ששת ימי בראשית" |
| נְטִיר בֵּי נַעֲוָתָא | וואס איז אפגעהיטען אין די וויין קעלטער׳ס. |

**עד כאן השיר, ואומר לכל ששמע השיר:**

| | |
|---|---|
| זַכָּאִין | אזוי ווי איהר האט זוכה געווען |
| כַּד שְׁמַעְתּוּן | אז איהר האט גיהערט |
| שְׁבַח דָּא שִׁירָתָא | די לויב פון דעם געזאנג |
| קְבִיעִין כֵּן תֶּהֱווּן | אזוי אויך זאלט איהר זוכה זיין, צו זיין אריין געשטעלט |
| בְּהַנְהוּ חֲבוּרָתָא | אין די חבורה פון די צדיקים לעתיד לבוא |

| | |
|---|---|
| וְתִזְכּוּן | און איהר זאלט זוכה זיין |
| דִּי תֵיתְבוּן | אז איהר זאלט זיצן |
| בְּעֵלָּא דָרָתָא | אין די אויבערשטע שורה |

שתזכו לישב בשורת הצדיקים היותר קרובה כביכול להשכינה

| | |
|---|---|
| אֲרֵי תְצִיתוּן לְמִלָּי | אז איהר וועט צו הערן צו מיינע ווערטער |
| דְּנַפְקִין בְּהַדְרָתָא | וועלכע גייען ארוים מיט שיינקייט. |

[וי"ג לְמִלּוֹי צו זיינע ווערטער פי' אם תשמעו לקריאת **עשרת הדברות** שיצאו מפי הקב"ה קול ה' בהדר]

## <u>מסיים בשבח הקב"ה וישראל והתורה</u>

| | |
|---|---|
| מְרוֹמָם הוּא אֱלָהִין | דערהויבען איז אונזער באשעפער |
| בְּקַדְמָא וּבָתְרַיְתָא | פון אנהייב ביז צו די ענדע |
| | - וואס ער איז ערשט און אויף אייביג - |

| | |
|---|---|
| צְבִי | ער האט געוואלט |
| וְאִתְרְעֵי בָן | און ער האט אונז באוויליגט [ורצה בנו] |
| וּמְסַר לָן אוֹרַיְתָא | און ער האט אונז איבערגעגעבען די תורה. |

ראשי תיבות פון דעם שיר איז לויט סדר א–ב כפול –און דערנאך–
מאיר ביר רבי יצחק יגדל בתורה ובמעשים טובים אמן וחזק ואמ"ץ.

# לעילוי נשמת

הרה״ג הרב ר׳ יוסף צבי הלוי בהר״ר ברוך חיים ז״ל
י״ד ניסן ערב פסח תשס״ז לפ״ק

הרה״ח ר׳ יעקב בהר״ר יהודה אריה ז״ל
נר ה׳ דחנוכה כ״ט כסלו תשנ״ט לפ״ק

הרה״ג ר׳ אברהם שמואל בהר״ר פנחס זעליג ז״ל
ד׳ כסלו תשס״ו לפ״ק

הרה״ח ר׳ משה אריה בהר״ר שלמה צבי ז״ל
כ״ב טבת תשס״ה לפ״ק

הרה״ח ר׳ משה בהר״ר סיני יהודה ז״ל
ו׳ תמוז תשס״ה לפ״ק

הרה״ח ר׳ מרדכי רפאל בהר״ר יוסף יצחק ז״ל
א׳ דחוהמ״ס י״ז תשרי תשס״ח לפ״ק

הרה״ג ר׳ ברוך זאב בהרה״צ בנימין יהושע ז״ל
ט׳ ניסן תשע״ב לפ״ק

הרה״ח ר׳ חיים יעקב בהר״ר צבי ז״ל
השריש בלבות ילדי בנ״י יסודות האמונה
י׳ אלול תש״ע לפ״ק

**ת.נ.צ.ב.ה.**